ב"ה

# טעראפי

- ענקזייעטי
- דיפרעסיע
- פאביעס
- עדיקשאנס
- או.סי.די.
- פאניק אטאקעס
- סעלף קאנפידענס
- א.ד.ג.

גליון 67

געקליבענע בריוון פון ספר עצתו אמונה - ארויסגעגעבן דורך מוסדות היכל הקודש ברסלב - בנשיאות הראש ישיבה שליט"א

## איך האב מורא פון אן עלעוועיטאר

*לכבוד דער ראש ישיבה שליט"א,*

*איך האב געהערט ביי איינע פון די שיעורים אז אלע פחדים וואס א מענטש האט קומט נאר פון חסרון אמונה, למשל ווען איינער האט א פחד צו פארן מיט אן עלעוועיטאר, איז דאס א חסרון אין אמונה. דאס איז טאקע וואס איך האב, איך האב מורא צו פארן מיט אן עלעוועיטאר. יעצט ווייס איך שוין פון וואו עס נעמט זיך מיין פראבלעם, איך דארף אבער אן עצה ווי אזוי איך קען דאס אויסהיילן.*

*א גרויסן יישר כח פאר אלעס.*

### תשובה מאת הראש ישיבה שליט"א:

בעזרת ה' יתברך - יום ה' פרשת וארא, כ"ד טבת, שנת תשע"ח לפרט קטן

לכבוד ... נרו יאיר. איך האב ערהאלטן דיין בריוו.

וויסן זאלסטו אז אויב מען לעבט מיט אמונה איז מען רואיג, מען ווייסט אז עס קען גארנישט פאסירן פארן מענטש אן דעם אייבערשטן; אויב איך דארף שטארבן גיי איך שטארבן אפילו אויב איך וועל מיך באהאלטן וכו' און אויב איך דארף לעבן וועל איך לעבן.

### מיט אמונה ווערט שטארק די נערוון

ווען א מענטש לעבט מיט אמונה ווערט אים שטארק זיינע נערוון; אזוי אויך פארקערט - אויב א מענטש האט נישט קיין אמונה, ער שפירט נישט דעם אייבערשטן נאר ער מיינט אז די וועלט פירט זיך דורך טבע, מקרה און מזל - אזא מענטש לעבט שטענדיג מיט פחדים און שלעכטע מחשבות; מען באשולדיגט זיך כסדר וואס פון דעם קומען אלע נערוון קראנקהייטן לא עלינו ולא עליכם. **און די איינציגסטע רפואה פאר די וואס ליידן אויף די נערוון איז נאר "אמונה".**

### זאלסט זינגען ניגונים פון אמונה

אז דו שרייבסט מיר אז דו האסט פחדים פון גיין אין אן עלעוועיטער וכו'; זאלסטו וויסן אז די איינציגסטע רפואה פאר דעם איז אמונה. ווי מער דו וועסט חזר'ן צו זיך די הייליגע אמונה וועסטו ווערן מער און מער רואיג; א גאנצן טאג זאלסטו נאר זינגען ניגונים פון אמונה, קענסט זיך אפילו מאכן אייגענע ניגונים, זינג צו דיר: **"אלעס איז דער אייבערשטער", "קיינער קען מיר גארנישט טון", "דער אייבערשטער היט מיר", "איך בין אינעם אייבערשטנס הענט"**, אזוי וועסטו נישט מורא האבן פון גיין אין א עלעוועיטער און נישט פון קיין עראפלאן וכו'.

### א מענטש האט מורא פון א בעל כח, פון פייער, פון וואסער

דער רבי זאגט (ספר המידות, אות קליפה, סימן י): "הַשִּׁבְעָה קוֹלוֹת שֶׁאָמַר דָּוִד עַל הַמַּיִם, בְּדִבּוּרָן מַכְנִיעִין הָרוּחַ רָעָה", אז מען זאגט קאפיטל כט פון תהילים נעמט מען אוועק דעם רוח רעה וואס כאפט זיך אריין אינעם מענטש; איך האב געטראכט אז מען קען זאגן פשט וואס עס האט די זיבן קולות צו מכניע זיין א רוח רעה, אז מען חזר'ט צו זיך אז אלעס איז דער אייבערשטער און דער אייבערשטער קען יעדן איינעם העלפן; איינער האט א פחד פון וואסער - זאגט מען אים 'קוֹל ה' עַל הַמָּיִם', דער אייבערשטער העלפט א מענטש אין וואסער, איינער האט א שרעק אז א בעל כח גייט אים עפעס שלעכטס טון, אדער איינער דמיון'ט אז ער האט נישט גענוג כח - זאגט מען אים 'קוֹל ה' בַּכֹּחַ', דער אייבערשטער געבט כח; איינער האט מורא פון פייער - זאגט מען אים 'קוֹל ה' חֹצֵב לַהֲבוֹת אֵשׁ', דער אייבערשטער איז דער וואס מאכט די פייער, ער וועט דיר ראטעווען פון פייער - אזוי איז דער גאנצער קאפיטל געשטעלט אריין צו ברענגען אינעם מענטש אז גארנישט קען נישט פאסירן מיט אים פון זיך אליינס און נאר דער אייבערשטער וועט אים העלפן.

## ווי אזוי מאכט מען אז א שטארקע אמונה זאל נישט שטערן דאס לעבן?

*לכבוד דער ראש ישיבה שליט"א,*

*שוין א לאנגע צייט וואס איך בין געווארן געוואוויר פון די געוואלדיגע שיעורים, דאס האט מיר ממש געטוישט דאס לעבן צום גוטן אין אלע הינזיכטן, איך בין זיך מחי' מיט יעדע דרשה, בריוו, און מיט די ספרים און קונטרסים פון מוהרא"ש, עס העלפט מיר אזויפיל בגשמיות וברוחניות, ס'איז נישט מעגליך אלעס אויסצורעכענען.*

*לעצטנס האב איך זיך גאר שטארק אריינגעלייגט אין אמונה, מוהרא"ש שרייבט ממש אין יעדן בלאט פון יעדן ספר אז א איד דארף אריינעמען אין זיך אז ס'איז גארנישט דא אויסער דעם אייבערשטן, ער איז ממלא כל עלמין וסובב כל עלמין אין שום מציאות מבלעדיו יתברך כלל. איך האב זיך זייער שטארק אריינגעלייגט אין דעם, ביז איך שפיר ממש אז ס'איז גארנישט דא, איך בין נישטא, ס'איז נישטא קיין מענטשן, ס'איז נישטא קיין וועלט, ס'איז אלעס נאר דמיונות, באמת איז אלעס נאר דער אייבערשטער.*

*דאס האט מיר געברענגט נאך ווייטער, צו שפירן ממש למעלה מן הזמן, ס'איז נישטא קיין נעכטן, נישטא קיין מארגן, ס'איז בכלל נישטא אזא זאך ווי צייט וואס רוקט זיך, אלעס איז דאך נאר דער אייבערשטער, דאס וואס מיר שפירן אז ס'איז דא צייט, טבע, מקרה און מזל דאס אלעס איז נאר אין אונזער דמיון.*

*איך וויל באטאנען אז איך גיי ברוך ה' ווייטער אן אין לעבן ווי געהעריג, מיט מיין ווייב און קינדער, מיט מיין פרנסה, מיט מיין אידישקייט און ערליכקייט, און אזוי ווייטער. אבער אין מיין קאפ שפיר איך ווי איך לעב ממש אין א דמיון, אלעס איז דמיונות, באמת איז גארנישט דא אויסער דעם אייבערשטן.*

*דער פראבלעם איז אבער אז לעצטנס האט מיר דאס אנגעהויבן זייער שטערן אין מח, איך שפיר ווי איך פלי און איך לעב אין א דמיון, ס'איז זייער שרעקעדיג צו טראכטן אז די גאנצע וועלט איז א בלויזע דמיון. דאס הייבט מיר אן ברענגען פחדים, אז אפשר וועט זיך דער דמיון אפשטעלן אין די סעקונדע און איך וועל ווערן אויס. איך בין צוגעוואוינט צו א 'נארמאלע' לעבן, אלעס זאל אנגיין ווי געהעריג, און אויב אלעס איז בלויז א דמיון איז מיר זייער שווער אנצוגיין אין לעבן.*

*איך האף דער ראש ישיבה שליט"א וועט מיר קענען העלפן און אויסקלארן אין דעם ענין.*

*א גרויסן יישר כח*

**תשובה מאת הראש ישיבה שליט"א:**

בעזרת ה' יתברך - יום ה' פרשת תרומה, ו' אדר, שנת תשפ"א לפרט קטן

לכבוד ... נרו יאיר. איך האב ערהאלטן דיין בריוו.

### עס איז טאקע גארנישט דא אויף די וועלט אויסער דעם אייבערשטן

אזוי איז עס טאקע, עס איז גארנישט דא אויף די וועלט אויסער דעם אייבערשטן; אלעס אלעס איז ער אליינס - עצם עצמיות חיות אלקותו יתברך שמו. דאס וואס מיר זעען א שיינע וועלט, איינגעטיילט אין די פיר זאכן: דומם, צומח, חי און מדבר - דאס איז אלעס א לבוש, א פארשטעלאכץ פונעם אייבערשטן; מיט פליישיגע אויגן זעט אויס ווי עס איז דא א וועלט וכו' וכו' אבער דאס איז נאר א דמיון, אלעס איז נאר דער אייבערשטער אליינס.

### דער אייבערשטער וויל אז עס זאל אויסזען ווי עס איז דא א וועלט

דאס לערנען די הייליגע צדיקים שבכל דור ודור מיט זייערע תלמידים, מען זאלן וויסן אז עס איז דא א באשעפער אויף די וועלט, ער איז אלעס און אלעס איז ער. אין אונזער דור האבן מיר זוכה געווען צו מוהרא"ש וואס האט אראפגעברענגט אזא ליכטיגקייט, אזא גילוי אלקות, אז אפילו מיר פשוט'ע מענטשן, אפילו מיר וואס מיר זענען אזוי פארגרעבט - זאלן אויך שפירן דעם אייבערשטן, מיר זאלן שפירן די זיסע טעם, די געשמאקע טעם - פון שפירן דעם אייבערשטן אין יעדע זאך. און אין די זעלבע צייט דארפן מיר וויסן און געדענקן אז דער אייבערשטער וויל עס זאל אויסזען ווי עס איז דא א וועלט פון שטיינער, ביימער, חיות און מענטשן, און אונזער ארבעט איז מיר זאלן אויפזוכן דעם אייבערשטן אין יעדע פלאץ.

### ידיעה און בחירה איז נישט קיין סתירה

אויך דארפן מיר וויסן אז דער אייבערשטער האט אונז געגעבן די הייליגע תורה און מיר דארפן זיך פירן מיט די תורה, עס איז בכלל נישט קיין סתירה מיט דעם אז דער אייבערשטער איז אלעס; ידיעה און בחירה גייט אינאיינעם. פון איין זייט איז פאראן ידיעה - מען זאל וויסן אז עס איז גארנישט דא אויסער דעם באשעפער, פון די אנדערע זייט האבן מיר א בחירה צו אויסוועלן דעם גוטן וועג, די וועג פון די תורה, די וועג פון מצוות און מעשים טובים.

### מתבודד זיין און לערנען הלכה

**אין די זעלבע צייט דארפן מיר וויסן און געדענקן אז דער אייבערשטער וויל עס זאל אויסזען ווי עס איז דא א וועלט פון שטיינער, ביימער, חיות און מענטשן, און אונזער ארבעט איז מיר זאלן אויפזוכן דעם אייבערשטן אין יעדע פלאץ.**

יעצט וועסטו פארשטיין פארוואס דער רבי האט געזאגט מיר זאלן יעדן טאג זיך מתבודד זיין און אויך לערנען הלכה; די צוויי זאכן מוז מען האבן אינאיינעם. ווייל ווען מען איז זיך מתבודד הייבט מען אן זען און ווי אלעס איז אייבערשטער, **צוביסליך זעט מען מער און מער אז עס איז גארנישט פאראן אויף די וועלט - נאר אייבערשטער;** דומם, צומח, חי און מדבר - אלעס איז אייבערשטער, קען מען אנהייבן טראכטן אז מען קען טון וואס מען וויל, עס איז דאך סיי ווי אלעס דער אייבערשטער, מען הייבט אן שפירן ווי 'איך בין בכלל נישט דא, איך קען גארנישט טון, אלעס איז דער אייבערשטער און ער טוט אלעס איינער אליין', קען מען חס ושלום טראכטן פון אויפהערן טון די מצוות, דערפאר האט דער רבי אונז אזוי שטארק מזהיר געווען מיר זאלן לערנען שולחן ערוך (כמבואר בשיחות הר"ן, סימן כט), זיך נישט אפטון פון הלכה און אויך זאלן מיר זיך אסאך מתבודד זיין, אזוי וועלן מיר זיין ארומגענומען מיט'ן אייבערשטן.

דער אייבערשטער זאל העלפן זאלסט האבן הצלחה אין אלע ענינים.

**ווי אזוי גייט מען זיך אום מיט חתונה געהאטע קינדער?**
**וואס טוט מען מיט א קינד וואס פארשטייט נישט דאס לערנען?**
**וויפיל געלט מעג מען אויסגעבן ביי א שמחה?**

*קוקט ארויס אויף די קומענדיגן גליון בעז"ה!*

צו באקומען די גליון וועכענטליך אויף אימעיל,
טעקסט אייער אימעיל אדרעס צו: 347.651.1218
אדער שרייבט צו: trpy458@gmail.com
**קול ברסלב 212.444.9191 / בא"י 0797040066**